**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט באגנאדיגונג פאר זעכצן מענטשן**

***ערפולט ווייטער פארפליכטונג צו שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס באמיאונגען צו מאכן א רעפארם צו דעם באגנאדיגונג פראצעדור, אריינרעכענענדיג דאס צוזאמרופן אן אדווייזארי פאנעל פון אומפארטייאיש עקספערטן, צולייגן דערצו נאך איינגעשטעלטע און פארמערן קאמיוניקאציע מיט אפליקאנטן***

***נאכפאלגנדיג איינפירונג פון רעפארמען צו דעם פראצעדור, האט גאווערנער האקול געשאנקען באגנאדיגונג פאר 36 מענטשן אין 2023, מער פון סיי וועלכע יאר אין איר טערמין ביז היינט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געשאנקען באגנאדיגונג פאר 16 מענטשן, אריינרעכענענדיג 12 פארדאנס און פיר אורטייל פארגרינגערונגען. די שריט אנערקענט מענטשן וואס ווייזן ארויס חרטה, זענען א מוסטער פון ערהוילונג און ווייזן ארויס א פארפליכטונג זיך צו פארבעסערן אליין און צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. דאס איז די דריטע מאל וואס גאווערנער האקול האט געשאנקען באגנאדיגונג דאס יאר אזוי ווי זי זעצט פאר צו ערפילן איר צוזאג צו איבערקוקן און נעמען שריט אויף באגנאדיגונג אפליקאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם, אנשטאט בלויז איינמאל ביי די ענדע פון די יאר. נאכן איינפירן רעפארמען צו דעם באגנאדיגונג פראצעדור, האט גאווערנער האקול געשאנקען באגנאדיגונג פאר 36 מענטשן אין 2023, מער פון סיי וועלכע יאר אין איר טערמין ביז היינט.

"דורך דעם באגנאדיגונג פראצעדור, איז דאס מיין ערנסטע פאראנטווארטליכקייט אלס גאווערנער צו אנערקענען די אנשטרענגונג וואס מענטשן האבן געמאכט צו פארבעסערן זייערע לעבנס און וועלכע ווייזן אז עס איז מעגליך צו 'תשובה טוהן'", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ווען איך בין אריין אין אפיס, האב איך זיך פארפליכטעט צו פארבעסערן דעם פראצעדור, און איך האב צוגעטיילט די נויטיגע מיטלען צו קענען שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז דער פראצעדור באדינט ניו יארקער אין די בעסטע וועג וואס איז נאר מעגליך."

די געשאנקענע באגאדיגונגען פאלגן נאך גאווערנער האקול"ס פארפליכטונג צו צולייגן נאך איינגעשטעלטע צו איבערקוקן אפליקאציעס, א זאך וואס העלפט זיכער מאכן אז די אנגייענדע פראצעדור קען פארקומען אין א באדייטפולע וועג און אז יעדע אפליקאציע קען באקומען די גרונטליכע און צייטליכע אויפמערקזאמקייט וואס עס קומט פאר זיך.

די גאווערנער'ס אפיס האט אונטערגענומען א רייע שריט צו פארמער די דורכזיכטיגקייט און קאמיוניקאציע דורכאויס דעם באגנאדיגונג פראצעדור. די עקזעקיוטיוו קלעמענסי ביורא האט איינגעפירט א נייע פאליסי פון שיקן רעגלמעסיגע בריוון צו מענטשן מיט קלעמענסי אפליקאציעס, זיי צו אינפארמירן

וועגן זייער קעיס סטאטוס, און צושטעלן אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו ארייננגעבן נאך אינפארמאציע אין שטיצע פון זייערע אפליקאציעס. די גאווערנער'ס אפיס איז אויך ארויסגעקומען מיט א פארבעסערטע וועבזייטל וואס העלפט באגנאדיגונג אפליקאנטן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור; די וועבזייטל רעכנט אריין ניי-געשריבענע גרייטע נוסחאות פאר באגנאדיגונג אפליקאציע בויגנס, סיי פאר א פארדאן און סיי פאר אורטייל פארקערצערונגען, כדי צו גיבן פאר צוקונפטיגע אפליקאנטן בעסערע אנווייזונגען איבער וועלכע אינפארמאציע צו אנגעבן ווען זיי אפלייען.

די גאווערנער האט אויך צוזאמגערופן א באגנאדיגונג אדווייזארי פאנעל וואס באשטייט פון אומפארטייאישע עקספערטן צו ארויסהעלפן מיטן ראטן די גאווערנער איבער באגנאדיגונג אפליקאציעס. נאכפאלגנדיג רעקאמענדאציעס פון די קלעמענסי אדווייזארי פאנעל (Clemency Advisory Panel), שענקט גאווערנער האקול א פארדאן פאר 12 מענטשן וועלכע האבן באשולדיגונגען וועלכע זענען שוין מער פון צען יאר אלט און זי פארגרינגערט די אורטייל פאר פיר מענטשן.

**<u>פארדאנס</u>**

וויטאלי דארום, 41, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 19 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אלס א צענערלינג און האט שוין געוואוינט דא פאר אומגעפער 24 יאר. ער איז פארהייראט צו א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן און האט מערערע פאמיליע מיטגלידער, ארייגרעכענענדיג א קינד, וועלכע זענען בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. מר. דארום האט געארבעט אלס אן ערפאלגרייכער סאפטוועיר אינדזשעניר. מר. דארום איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די פערטע גראד און מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די זיבעטע גראד אין 2004. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטשורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

אנדרעס ריווערא, 43, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 22 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אלס א צענערלינג און האט שוין געוואוינט דא פאר מער פון 30 יאר, און ער האט א קינד וואס איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. מר. ריווערא האט געארבעט פאר יארן אין די פראפערטי מענעדזשמענט אינדוסטריע. מר. ריווערא איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די זיבעטע גראד אין 2001. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטשורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

דאנעל ריד, 55, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 32 יאר. ער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן און א מיליטער וועטעראן, האבנדיג זיך צום ערשט איינגעשריבן אין די פאראייניגטע שטאטן ארמיי ביי די 19. ער האט געדינט אויף אקטיווע דינסט און אלס א מיטגליד פון די רעזערוון פאר עטליכע יאר בעפארן בכבוד'דיג באפרייט ווערן. מר. ריד האט געארבעט אלס א סעקיוריטי מענעדזשער און אין פארשידענע רעגירונג ראלעס פאר לאקאלע רעגירונג אגענטורן. מר. ריד איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די פערדע גראד אין 1991.

מיילדיס דזשעט, 54, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 31 יאר. זי איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אלס א צענערלינג און האט שוין געוואוינט דא פאר מער פון 40 יאר. זי איז פארהייראט צו א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן און האט צוויי קינדער וועלכע זענען אויך בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. מס. דזשעט האט געארבעט אלס א געהילפין אין א נוירסינג היים פאר מער פון צוואנציג יאר. מס. דזשעט איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די צווייטע גראד אין 1992. א פארדאן וועט איר העלפן אויסמיידן די דראאונג פון דעפארטירט ווערן כדי זי זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט איר פאמיליע און קאמיוניטי.

נאָועל וואטסאן, 60, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 30 יאר. זי איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אין זיינע צוואנציגער און האט שוין געוואוינט דא פאר מער פון 30 יאר. ער איז פארהייראט צו א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן און האט מערערע פאמיליע מיטגלידער, אריינרעכענענדיג קינדער און געשוויסטער, וועלכע זענען בירגער אדער געזעצליכע פערמאנענטע איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאטן. מר. וואטסאן האט געארבעט אלס שטיין/ציגל פאכמאן און פארבער און איז אקטיוו אין זיין לאקאלע קאמיוניטי. ער איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע פארקויף פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד און מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 1993. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטורעליזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

דעוואן קאטמאן, 49, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 23 יאר. ער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, איז דער עיקר מענטש זיך אפצוגעבן מיט זיינע קינדער און ער האלט אפן א קליינע ביזנעס. ער איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די דריטע גראד אין 2000.

האלדעמאַר קרוּז, 41, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 18 יאר. ער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. ער ארבעט אלס אן עלעקטרישען און גיבט זיך אפ מיט זיינע קינדער. ער איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די פערדע גראד אין 2005.

בערנארדאָו ענקאַרנעסיאן, 70, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 20 יאר. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן פאר אומגעפער 25 יאר און האט צוויי קינדער וועלכע זענעןביידע בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. ער האט געארבעט אין די עסנווארג סערוויס אינדוסטריע פאר מער פון 15 יאר. ער איז יעצט רעטייערט און באקומט וויכטיגע קעיר און שטיצע פון זיין פאמיליע אין די פאראייניגטע שטאטן. מר. ענקאַרנעסאן איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע אומערלויבטע אריינגאנג אין פראפערטי אין די צווייטע גראד אין 2003 און מיט קרימינאלע באזיץ פון א פארבאטענע מאטעריאל אין די זיבעטע גראד אין 1999. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

דזשאָסטין ריילי, 31, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 14 יאר. ער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. זינט זיין באשולדיגונג האט ער זיך געהאלטן ביי א דזשאב, און צוזאמען מיט זיין פארטנער העלפט ער שטיצן זייערע קינדער. מר. ריילי איז באשולדיגט געווארן פאר אן איינברעך פרואוו אין די דריטע דעגרי אין 2009 פאר אן אקט וואס ער איז באגאנגען ווען ער איז געווען 16 יאר אלט.

האָוזעי אנטאניאָו רעיעס, 48, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 25 יאר. ער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. ער האלט אפן א קליינע ביזנעס, און צוזאמען מיט זיין פארטנער העלפט ער שטיצן זייער קינד. מר. רעיעס איז באשולדיגט געווארן מיט אן איינברעך פרואוו אין די צווייטע דעגרי אין 1998.

ווארען סטוּערט, 42, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 13 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן ווען ער איז געווען א צענערלינג, ער האט שוין געוואוינט דא פאר אומגעפער 28 יאר, און ער האט נאענטע פאמיליע מיטגלידער וועלכע זענען בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. מר. ווארען ארבעט אלס אן אייזן ארבייטער און איז אקטיוו אין זיין פאמיליע און לאקאלע קאמיוניטי. מר. סטוּערט איז באשולדיגט געווארן מיט איינברעך אין די צווייטע דעגרי אין 2010. א פארדאן וועט אים העלפן אויסמיידן די דראאונג פון דעפארטירט ווערן און באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן.

קאיאדעי אָוסעני, 33, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 13 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן ווען ער איז געווען זעקס יאר אלט און וואוינט שוין יעצט דא פאר רוב פון זיין לעבן. ער איז פארהייראט צו א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן און זיי האבן א יונג קינד וואס איז אויך א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן. זינט זיין באשולדיגונג האט ער זיך פארדינט אן אסאָוסיעט'ס דעגרי און א בעטשעלאר'ס דעגרי, און האט אנגעהאלטן א דזשאב. ער איז אקטיוו אין זיין לאקאלע קאמיוניטי און העלפט זיך אפגעבן מיט זיין מוטער. מר. אָוסעני איז באשולדיגט געווארן מיט רויבעריי אין די ערשטע דעגרי אין 2010 פאר אן אקט וואס איז פארגעקומען ווען ער איז געווען 18 יאר אלט. א פארדאן וועט אים העלפן אויסמיידן די דראאונג פון דעפארטירט ווערן כדי ער זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע און קאמיוניטי.

<u>**אורטייל פארגרינגערונגען**</u>

אלעקסאנדער דאקערי, 54, איז באשולדיגט געווארן מיט איינברעך אין די צווייטע גראד, רויבעריי אין די דריטע גראד, אן איינברעך פרואוו אין די צווייטע גראד און קרימינאלע אומערלויבטע ארייננאנג אין פראפערטי אין די צווייטע גראד צווישן 2000 און 2002. די באשולדיגונגען קומען צוליב איינברעכן אין ליידיגע אפארטמענטס וואו קיינער איז נישט פיזיש געשעדיגט געווארן. מר. דאקערי איז פאראורטיילט געווארן צו 25 יאר ביז לעבן אין טורמע, פון וועלכע ער האט אויסגעדינט נאענט צו 23 יאר. ווען ער האט אנגעהויבן זיין אורטייל, האט ער נאכנישט געהאט געענדיגט א היי סקול בילדונג; בשעת'ן זיצן אין טורמע האט ער זיך פארדינט א .G.E.D, אן אסאָוסיעט'ס דעגרי, בעטשעלאר'ס דעגרי און מעסטער'ס דעגרי דורך Bard College און די New York Theological Seminary. מר. דאקערי דינט יעצט אלס א געהילף און פריוואטע לערער מיט דעם ניו יארק אוניווערסיטעט'ס טורמע בילדונג פראגראם ( Prison Education Program), העלפנדיג אנדערע ארעסטאנטן אנקומען צו הצלחות אין זייער בילדונג. נאך זיין באפרייאונג וועט מר. דאקערי וואוינען מיט זיין פאמיליע און האט בכוונה צו גיין לערנען פאר א PhD דעגרי.

עריק דעיווידסאן, 54, איז באשולדיגט געווארן מיט איינברעך אין די צווייטע דעגרי און מיט קרימינאלע באזיץ פון געגנבה'טע פארמעגן אין די פינפטע דעגרי אין 2012. ער איז פאראורטיילט געווארן צו 16 יאר ביז לעבן אין טורמע, פון וועלכע ער האט אויסגעדינט נאענט צו 14 יאר. דורכאויס זיין צייט אין טורמע האט מר. דעיווידסאן פארענדיגט פרי-קאלעדזש בילדונג פראגראמען בעפארן פארזעצן זיך צו פארדינען אן אסאָוסיעט'ס דעגרי. ער שטודירט יעצט צו פארענדיגן א בעטשעלאר'ס דעגרי פראגראם און זעצט פאר צו ערנייכן אקאדעמישע הצלחה. זיינע שריפטן זענען פארעפנטליכט געווארן אין א ליטעראטור זשורנאל, און ער איז אויסדערוועהלט געווארן זיך צו באטייליגן אין פראגראמען פאר אקאדעמיש-מוצלח'דיגע ארעסטאנטן. מר. דעיווידסאן האט געדינט אלס אפיס ארבעטער פון די 'עהרע בלאק' פון זיין טורמע, און ער האט געארבעט אלס אפיס ארבעטער אין די לייברערי און אלס א פראגראם געהילף, העלפנדיג אנדערע ארעסטאנטן זיך גרייטן צו ערפאלגרייך זיך צוריק איינגלידערן אין זייערע קאמיוניטיס. לויט זיין אריגינעלע אורטייל, וואלט מר. דעיווידסאן געווען בארעכטיגט פאר פעראָול אין 2026. מר. דעיווידסאן'ס אורטייל ווערט פארגרינגערט כדי אים צו ערלויבן א פריערע געלעגנהייט צו ערשיינען פאר די פעראָול באורד אזוי אז די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס אויב ער איז פאסיג פאר פעראָול.

מייקעל יאָנג, 64, איז באשולדיגט געווארן מיט איינברעך אין די ערשטע דעגרי, אן איינברעך פרואוו אין די ערשטע דעגרי און רויבעריי אין די צווייטע גראד אין 2004 און אין 2005. ער איז פאראורטיילט געווארן צו 45 יאר אין טורמע, פון וועלכע ער האט שוין אויסגעדינט מער פון 20 יאר. בשעת'ן זיין אין טורמע האט מר. יאָנג זיך פארדינט אן אסאָוסיעט'ס דעגרי און א בעטשעלאר'ס דעגרי, און ער פלאנירט צו לערנען פאר א מעסטער'ס דעגרי. ער האט אויך געמוטיגט אנדערע ארעסטאנטן צו ארבעטן פאר זייער בילדונג. מר. יאָנג איז געווען א פירער אין זיין רעליגיעזע קאמיוניטי, זיך פארדינענדיג אנערקענונג אלס א

ווערגווייזער פאר אנדערע. לויט זיין אריגינעלע אורטייל, וואלט מר. יאַנג געווען בארעכטיגט פאר פּעראָול אין 2041, ווען ער וואלט געווען איבער 80 יאר אלט. מר. יאַנג'ס אורטייל ווערט פארגרינגערט כדי אים צו ערלויבן א פריערע געלעגנהייט צו ערשיינען פאר די פּעראָול באורד אזוי אז די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס אויב ער איז פאסיג פאר פּעראָול.

טרעוועל קאלמאן, 49, איז באשולדיגט געווארן מיט מארד אין די צווייטע גראד אין 2012. מר. קאלמאן'ס באשולדיגונג קומט צוליב אן אקט וואס ער איז באגאנגען אין 1993, ווען ער איז געווען 18 יאר אלט. עס איז פאררעכנט געווארן אלס א 'קאלטע פאל" (די אויספארשונג איז אויפגעהערט געווארן) ביז 2010, ווען מר. קאלמאן האט פון זיין אייגענע ווילן אריינשפאצירט צו א פאליציי פריסינקט און זיך מודה געווען איבער די פארברעך, ערקלערנדיג אז ער איז איבערגענומען געווען מיט שולד געפילן איבער וואס ער האט געטוהן. מר. קאלמאן איז פאראורטיילט געווארן צו 15 יאר ביז לעבן אין טורמע, פון וועלכע ער האט שוין אויסגעדינט 13 יאר. דורכאויס זיין צייט אין טורמע האט ער זיך פארדינט אן אסאָוסיעט'ס דעגרי, ארויסגעהאלפן מיט געוואלדטאטן פארמיידונג און ניכטערקייט קאונסעלינג פראגראמען און זיך באטייליגט אין א רייע פון נאך בילדונג, ריהעב און דזשאב פראגראמען. מר. קאלמאן'ס באגנאדיגונג אפליקאציע ווערט יעצט געשטיצט דורך דעם אסיסטענט דיסטריקט אטוירני וועלכער איז געווען דער פראקורירער אין דעם פאל און אזוי אויך דער ריכטער וואס האט געגעבן זיין אורטייל. לויט זיין אריגינעלע אורטייל, וואלט מר. קאלמאן געווען בארעכטיגט פאר פּעראָול אין 2025. מר. קאלמאן'ס אורטייל ווערט פארגרינגערט כדי אים צו ערלויבן א פריערע געלעגנהייט צו ערשיינען פאר די פּעראָול באורד אזוי אז די באורד זאל קענען מאכן א באשלוס אויב ער איז פאסיג פאר פּעראָול.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן